# ערב פסח

אין

# וואלקיוויסק

א שילדערונג אין מאמי-לשון




פון

מ. פ.

געווידמעט

אונזערע אמעריקאנער פריינד און קרובים —
מיין קליינעם ווערק צו ימים טובים.
וויטע ברידער, אָרעם און רייך —
דא איז געשריבן אלץ פאר אייך;
אויך פאר אונז אין אלגעמיין,
אַבי, א ערינערונג זאל בלייבן שיין.
פארפליכטעט זענען מיר פון הארצן טיף
און שיקן א דאנק אייך מיטן ערשטן שיף.

דער פארפאסער.

# הקדמה

גוטע וואלקיווישקער ענער: *)
ווייבער, קינדער און מענער;
זייט ניט אף מיר אין כעס
פאַר מיין מאַכן אביסל שפּאַס.
איך וויל דא קיינעם ניט פארשעמען,
אדער באַרירן וועמענס נעמען;
איך גיי נאָר אוים איין זאַך —
פסח צו געבן א זיפץ און א לאַך.
מיר זיינען דאָך אלע ברידער,
פון איין שטאָט די גלידער;
דא איז נאָר א ווידער־קול
פון וואָלקיווישקע היינט און אמאל,
און דעריבער בעט איך מחילה
ביי אייך ענדאלאך און קהילה.

---

*) בווינאמען פון וו: איינוואוינער.

# ערב פסח אין וואלקיווישק.

דאָרט, דאָרט פון ווייטן!
פון אלטע קאָסטיושקעס צייטן;
זעהט מען שוין פון אלע זייטן —
וואָלקאָווישקי באַצייטן.
זי איז ניט גרויס און ניט קליין,
ניט מיאוס און ניט שיין;
זי ליגט צווישן טייכן, עזשערעס און פעלדער;
צווישן דורפעניצעס, סאַקלקעס און וועלדער.
האט, זעהט מען שוין דעם שפּיץ תּפלה און בוימען,
און פון פישל־רקוח׳ס שטוב דעם קוימען!
האט, שטייט אַנ׳עק שטאט אַ מויטניק מיט אַ פּלאקן! —
אז מ׳ווערט צוציטערט און צושראָקן.
די שטאָט שטייט אף בערג און גריבער,
פון האָלץ און ליים זיינען די שטיבער;
פון שינדלען מיט מאָך די דעכער,
מיט קאָלדרעס זיינען פארשטאָפּט די פענסטער און לעכער.
דעָר ברוק איז צולעכערט און צושאָטן,
צוריעט אזוי ווי פון קראָטן;

די גאסן זיינען פון בלאָטע טיף,
אז מ׳קען פאָרן מיט אַ שיף.
דער בריק איז צעפוילט און צובראָכן,
די באָקעס פון קריעס צושטאָכן;
דער טייך לויפט, וויינט און לאכט,
די אלטע שול שטייט און טראכט.
דער בית־עולם איז שטיל און שטום,
די בילי־באָינע איז געבויגן — קרום;
דער הקדש איז פון אורחים פיל
און עס איז אַ גאנצער לאגער ארום שול.
די קהל׳שע זייערן אין שטינקן —
חזרים קריכן זאך דערטרינקן;
אלע געעפטן שמעקן
וויל עס קומען אלך און לעקן.
די ברוננעס און פלומפען הליפן,
טויערן און טירן סקריפן.
היינט איז אומעטום באלעבט —
אַלט און יונג שוועבט;
קינד און קייט
זיינען אין אלע גאסן צושפרייט;
מ׳פּאַטשט אין לושעס און אין בלאָטע,
מ׳פארשלומפערט קלייד און קאַפּאָטע;
די זון לייכט און שטראַלט —
ס׳איז נישט וואַרעם און נישט קאלט.



עס בלאזט אַ מזרח־ווינט,
אלע ביימער שאָקלען זיך געשווינט;
דעם גלח׳ס הינט בילן,
עס דרייען זיך ברעגהייזערס מילן.
אין קישנישקער וועלדל לייפן קליינע פערד,
עס ליגן ציגיינערס מיט שווארצע בערד.
אראָפּ צו טייך אין סקאָלקי —
זינגט דער נאכטיגאל אַ פּאָלקי;
עס ריטשען סאַראָקעס אף די ביימער,
עס שפרינגען קעץ פון אַ קיימער.
אפן שפיץ תּפלה פייגלאך
פּיקן פארברענטע טייגלאך;
אף די ווענט, אונטער די דעכער —
פּיפּטשען שוואלבן פון די לעכער;
עס קוליערן זיך דעם ביטקערס טויבן,
עס פליען שטיינער אין די שויבן.
די הינט פון גאנץ שטאָט —
מאכן די קצבים באנקראָט;
ענטלאך אין טייך, אין לוזשי —
שווימען ארום און מאכן קאַשי בושזי.
אין סאולקי, לעס שייער —
קוואקטשען זשאַבעס אין די אייער;
עס שווימען אום קאַראַשן,
עס שטייען גיעס און וואשן;

עס לייפן אינגלאך אַפן גראָז
און זינגען: „זאַלץ אין די אויגן — פעפער אין נאָז“!

---

פון פעלד היינט, גאַנץ פרי —
קימען אָן די ציגן און די קיה;
מיט גוואַלטן די חזרים אויך
קווטשען און פליען ווי א רויך.
גאַנץ שטאָט אינגלאך —
ארויסגעשטעקט די צינגלאך
לייפן נאָך די שעפסן, ציגן
און קענען זיי ניט קריגן.
מיט איינמאל ווערט א גוואַלט —
אז דער קהל׳שער באָק קומט אן באַלד;
דער פאסטוך ספּערגייט, דער טייטש
גייט און קנאַלט מיט זיין לאַנגן בייטש;
אַ גרויסע מרובע אַף אַ זייט,
רייכערט אַ ליולקע און שפּייט.
גענז מיט ענטלאַך צולעצט
לייפן און ווערן צוזעצט.
און באַלד אומיטום אַפן גאַס —
ווערט געל גרין און נאַס.

---

ביי מענדל דעם טישלער אין שטיבל —
שטייט בערי די ציג לעם אייוון אין גריבל;



מיט אַ לאָפּעטי שלעפּט ער אין זעצט,
ווישט די שוויס, אָיקעט און קרעכצט.
מ׳קראַצט מיט גלאז די טישן,
מ׳ערט ניט אויף די שווייס צו ווישן;
מ׳וועלגערט, מ׳קנעט —
פון פרי ביז שפּעט;
פון באַגינען ביז ביינאַכט —
עס איז פריילאך, מ׳לאַכט.
מ׳רעדלט, מ׳באַקט;
די מצה ברענט און קנאַקט;
בחורים, מיידן —
דרעמלען אין ריידן;
שיקסעס און גויעס —
פאַרדינען אויך מעות;
מענדל מיט זיין ווייב יאָגן,
בחורים מיט קערב צוזווישנט טראָגן;
זיי כאַפּן אף פסח אַ מטבע
און קראַצן זאך פאר שמחה אין פאה.

---

אראָפּ צו טייך,
אָרים און רייך —
שטייען מיידלאך
פארקאַשערט די קליידלאך;

מיט גלאז, מיט וועש,
מיט קופּער און מיט מעש,
מיט שטיסלען און סטופּעס,
מיט וויכטשעס גאנצע קופּעס;
באָרוועס און אין שיך —
שייערן אף גיך,
זיי זינגען אונטער לידער —
אז עס צוגייען אלע גלידער.
און גוים אין טייך מיט אַ לאַנגן נעץ
בראָדזשען און גיבן אלץ אין וואסער אַ זעץ;
זיי ציען ארוים מיט אמאָל
אלערליי מינים אָהן אַ צאָל:
דיגליעס מיט שטיינער,
זשאַבע מולטערס מיט הינטישע ציינער;
קעלביקעס מיט ראַקעס,
געפיינערטע קעץ מיט אנדערע מכות;
און אינגלאך א־ויס דעם עק
קומען און לייפען אלץ אוועק;
זיי גיבן אַ פישל אַ כאַפּ
און קריגן מיט אַ שטעקן אַ קלאַפּ.

———

און אייזשיק דעם פישערס וועגל
קומט אָן ערב פסח, ווי אין דעם רעגל;



עס ווערט מיט אַמאָל אַ באַפאַל
און דער וועגל דערלאנגט אַ קנאַל;
עס סקריפּעט, עס ברעכט,
ם באפּט פלאָטעס, לעשטשן און העכט.
אלע רייסן זיך און שרייען,
ם'האלט אָקיניעס און שלייען;
אלע שלעפּן און קוויטשן,
די פישערס זינגען אייזעריק און ריטשען;
ם וועגט זגאַרקעס מיט סטינקעס
און אייזיק שרייבט אין זיינע פּינקס.

———

אפּן שולהויף, אין באָד
דרייט זאך ווי אַ ראָד;
עס אוזשעט, עס קלינגט —
דער בעדער שרייט און שפּרינגט;
מיט כלים און מיט טעפּ —
שטייט מען אף די קעפּ;
ם כשרט גאָפּל מעסער,
ם'טונקט אין די גרויסע פעסער;
אלע כאַפּן און לייפן גיכער —
מיט קערב — אונטער די טיכער.

———

און לעם די קהל'ישע היינט
בליצט און עס שיינט,

עס פלאַקערט און עס ברענט,
מ שטייט און מ'וואַרמט די הענט.
מיט פעדערן באַוויקלטע לעפלען
ברייגגט מען גאנצע שעפלען,
מ'ווארפט אַ בעגל המץ צוזאמען
און עס גייט אַ רויך מיט פלאַמען.

---

פון אלע קוימענס גייט אַ רויך אַרויף און אַראָפּ
אַז עס פארכאפּט דער אטעם און די קאָפּ;
אלע שטיבער, הייפן און גאס
זיינען פארשפריצט און נאס.
מ'פּויקט, מ'קלאפּט,
מ'ווארפט, מ'כאפּט,
מ'ווישט, מ'רייבט,
מ'היילט, מ'טרייבט.
מ'שליידערט, מ'טראָגט,
דער הימפּעס יאָגט;
מ'פּולעט בעסגיזואנט און מאטראצן,
מ'נעמט זיך פּרייסלען און קראַצן;
מ'קאלכט די פּאַלאַפּן און די ווענט —
מ'לייפט און מ'מאכט מיט די הענט.
אלע זיינען פארסאַפּעט,
מ'אטעמט נים, מ'כראפּעט;



אין קישנישקער געסל —
קאָכט ווי אין אַ קעסל;
אין די יוואָנישער גאס —
פּויקט ווי אַ ליידיקער פאס.
עס פאָרן גוים ווי צו אַ יריד,
עס לייפט נאך יעדער פור אַ איד;
די גויעס אומגעדרייט די צורה —
זיצן און קוקן מיט גבורה.
אומעטום און אין מאַרק
איז דער מישמאש שטארק.
עס איז פול פון ערלים
און פון אלערליי כלים.
בהמות שרייען און רימשען,
גענז און ענטלאך קוויטשען;
עס צאַפּלען זיך עופות אין די וועגן,
פון פעדערן איז אַ שניי מיט אַ רעגן;
אלע כאפּן און שלעפּן מיט גוואַלט,
מ'רייסט זיך ווי ברוים אין וואַלד.
אַ גוי שרייט: „איש ניע נאָרו פּאָלויק!
מ'דערלאנגט אים אין האנט אַ פּויק.
מ'שרייט, מ'הערט יללות,
מ'שילט זיך מיט טיימע קללות:
„דו בעל עזה, דו יונגאטש —
איך גיב דיר באלד אַ פּאטש!

זעהט נאָר אויף די בעַריע —
כאַפּן זאָל איהר די כאלעריעָ״!
ס׳צופּט, מ׳רייסט פון וואָגן,
מ׳נעמט זיך הרג׳נען, שלאָגן;
עָס איז אַ שום און אַ נערודעָר,
ס׳שלעָפּט און הודעָר מודער;
קאַטרינשציקעס שפּילן און זינגעָן,
קאָמעָדיאַנטן ברעכן זיך און שפּרינגען.
דעָר שמש לייפט און שרייט:
„ווייבעָר אין באָד עס איז צייט״!
דער פּאָליציאַנט פּיקט און רופט —
ס׳איז אַ טומעָל אין דער לופט.
מ׳לייפט, מ טראָגט,
דעָר אימפּעָט יאָגט;
אפּן פּלייצעָ, אפּן קארק —
פון קראָם, פון מארק;
אז אלץ זאָל זיין אפן טיש:
פלייש און פיש,
בראנפן און וויין,
רעָטאך און הריין;
פּוטעָר און שמאלץ,
פעָפּעָר און זאלץ.
פלוימען און עפּל,
א ווייקשאפּט, א טעפּל;



אָקרושקעָס מיט זיפּן,
פלייש מיט ריפּן;
אינגבערלאַך מיט פּאָמעָראַנצן,
טיינלאַך מיט וואנצן;
לקח מיט מאָרט,
א שיסל, א קוואָרט;
בילוועָס מיט מעָרן,
בעָזימס צום קעָרן;
ציבעָלעס מיט קנאָבל —
אַבי יו״ט זאָל זיין נאָבל.
און די קצבים לייפן מיט מאָגנס און מיט רייקעָס,
די בלעכער מיט שיסלען און מיט לייקעס;
די בימקערס מיט פעסער און מולטער —
קייקלען און טראגן אונטעָר.
דער קופּערשמיד מיט טעָפּ און פאנען,
דעָר דרעקסלער מיט הילצערנעָ קראנען;
דער געלגיסער מיט אַ פאריכטע שיסל,
דער טישלער מיט אַ צובראָכענע פיסל.
און ווייבער מיט פאליוונע געשיר —
זיצן מיט לאַדושעָס אָהן אַ שיעור;
מיט קערב עפּל, מאנאלאך און ניס,
און אַ פּיעַרטאָפּ אונטער די פיס.

---

אין די לאנגע קראָמען —
לייזט מען איצט ממון;
אלע רופן צו זיך,
מ'שלעפּט פאַ'ן ארבל גיך.
און נחום יאָשעס שטייט איצט,
רייכערט אַ פּאפּיראָס און שוויצט;
ער מאקעקעט, רופט און הוסט —
פארקויפט אלץ מיט פארלוסט:
נאָדלען מיט שפּילקעס,
טאבאק צו ליולקעס;
מארקעס מיט זייף —
כשר און טרייף.
סמאָלע צו רעדער,
טייסטערלאך פון לעדער;
קנעפּלאַך מיטברילן,
צאצקעס, זאך צום שפּילן;
ניסלאך מיט קאטען,
פּארזויצקעס פאר דאמען;
צוטריגען מיט פּאפּיראָסן,
פּאפּיר, אביסל פארגאָסן;
שמעק-טאבאק מיט מאָן,
שוועבעלאך מיט טראָן;
באָקשאר מיט קוואס,
הערינג פון פאס;



ליאַק מיט גאזי,
מינט פון סאזי;
צוקער מיט זאלץ
און וואס נאר מ'דארף אלץ:
פייגן מיט ליכט,
אפן מאָס און אפן געוויכט;
ראָזשינקעס מיט מאנדלען,
אַבי נאָר האנדלען.

---

לעבן מארק, אין שינק —
שטייען לאנגע טישן און ביינק;
אין יעדער עק
ליגן סערמיגעס מיט זעק;
בימשן מיט פּאמפּושילעס,
דעקעס מיט כלות;
און הינטערן טאמבאנק אף איר אָרט —
שטייט די בעל-הבית'טע מיט אַ קוואָרט;
ז' גיסט אין א לייקע איין
בראנפן, ביר און וויין;
עס ליגן גרויסע פעסער מיט קראנען,
מ'צאַפּט אין בלעכן און אין פאנען;
עס שטייען מעסטלאך מיט גלעזלאך,
אף טעלערס ליגן אוגערקעס מיט קעזלאך;

פלייש און פיש,
אלט און פריש;
עריגג מיט בולקעס
און אין די טיילער אלע מיט ליזלקעס.
ס'גריזשעט ברויט מיט אלקעס,
עס זיצן זעקוועס מיט טאלקעס;
אלע ריידן טרינקן און קייען,
שמעקן, רייכערן און שפייען;
מ'רייבט שוועבעלאך נאכאנאנד,
אפן אויז און אפן וואנט;
עס אושעט, עס קלינגט,
מ'בלעקעט און מ'זינגט;
מ'דערציילט פון זשאנטיק,
פון הזרים און פיעסעניק;
מ'פאפראזשעט דעם ציבוק
און מ'ווישט אפ דעם סנוק.
מ'קושט זיך נאכאנאנד
אין מויל און אין האנד;
מ'שרייט: „אצשו" און „דיעקו",
„טיגר" און „ניעקו".
מ'כראפעט און טיעס וועקן,
מ'שלעפט און מ'שטורכעט מיט א שטעקן;
מ'סלוקעכצט, מ'ניסט,
עס פייפט און עס שיסט;



עס ווערט א רויך, א געשטאנק —
עס דערלאנגט א כראך א באנק.
מיט איינמאל שטייט אויף איינער —
פארט אריין א צווייטן אין די ציינער.
אלע בייטשן נעמען טראסקן,
מ'לייפט זיך הרג'נען און פראסקן;
אלע הייבן זיך און פאלן,
פלעשער מיט שטעקנס קנאלן;
עס פליען קליומפעס מיט גלעזער,
מ'שטייט מיט צוגלוטיגטע צורות און נעזער;
מ'האלט זיך פעסט אין די לאפעס —
פארן גארגל און פאר די קליאפעס;
מ'דערלאנגט זיך א בריק,
מ'אנטלייפט און מ'שרייט: „לייקיק"!
„רופזשע" און „שונאס",
„קאט טאוואו פערקינאס"!
מענשן שרייען און לייפן,
סטראזשניקעס קומען און פייפן;
אלע ווייזן די צוהאקטע קעפ,
מ'קויפט בראנפן גאנצע טעפ;
מ'מאכט באלד שלום און לחיים
און מ'קושט זיך אין די אויסגעהאקטע שניים.

---

איצט, ערב יו"ט — אפן בריק,
שטייט מען גאר און מ'טענה'ט פון פאליטיק;
לעם די פארענצעס אנגעשפארט —
שטייט מען כהם און מ ווארט;
מ'רייבט זיך דעם רוקן,
מ,קומט צוהערן און קוקן;
מ'לייענט די בלאַט,
מ'גיט זיך די יד;
מ'פלודערט, מ'שרייט,
מ'שמאקטשעט און מ'קייט;
מ שאָקלט הענט און ביינער,
מ'שטעכט מיט שטרוי די ציינער;
מ'רייכערט אַ פאפיראָס,
מ'שנייצט אַ נאָז;
מ'גענעצט, מ'שפייט —
אפילו נים אף אַ זייט.
מ'דערציילט און מ'טראכט,
מ'הירזשעט און מ'לאכט;
מ'זאגט אַ גליי־ך־וואָרט,
מ'ציהט און פייסט דעם באָרד;
מ'שלעפט פאר אַ ראָק,
מ'שטורכערט מיט אַ שטאָק:
מ'זעצט אין אַ קאָפּ —
אַ קאפּעליוש־פאלט אַראָפּ;



מ'גיט אַ שמעק אין אַ קניפּ
אין זייט און אין ריפּ;
מ'נעמט טאבאק אַ שמעק,
מ'הערט צו און מ גייט אַוועק;
מ'רעט: פון שאָסיי און ברוקירן,
פון אביונים און גבירים;
פון געשוואָלענע פאראמקעס,
און פון צרות'דיגע וואַמקעס;
פון קווארטירנע און פאסטאי,
פון קאגאן, נעוואלט — אָי!
פון סוד און פראטאקאָלן,
פון מסירות — ווערן זאָלן זיי נישוואָלן;
פון שקר־בלבולים און גזרות,
היינט און פון דור דורות;
פון נאטשאלניק און קאָטיסאר,
פון סטאַרשן און זשאַנדאר;
פון יעמשקי און שטעקער,
פון קצבים און בעקער;
פון פיאזוקעס, נעהמער,
פון שינקערס און קרעמער;
פון חברה קרישה,
פון די, וואס קרינן שלישי;
פון בריתים און שדוכים,
גייען איך ובוחים;

פון סומך נופלים און בקיר הולים
און פון אנדערע קהל׳שע כלים;
פון מעות חטים און מתיר אסורים,
און פון אנדערע אידישע יסורים;
פון בית מדרש, קלויז און שול —
פון אלץ איז איצט אפן בריק פול;
און ווייבער אומעטום
לייפן מיט אַ געוודער און אַ שום;
זיי שושקען זיך פון אלץ,
שיטן צו אַ ביסל זאלץ;
זיי ריידן און בריען
פון געהבען און לייען;
פון באקן, פרעגלען,
פון קאָכן, סמערגלען;
פון פליישן, פישן,
און פון גרייטן די טישן;
פון קליידער, טואַלעטן,
פון באצנג און בעטן;
פון ניין דאַוונען און סדר
און פון אלצדינג כסדר:
פון גיהנום און גן־עדן,
פון באָבן און פון זיידן;
פון אותות ומופתים,
פון שדים און פון מתים;



פון שול און פון שמות,
פון באנאבטיגע און חלומות;
פון ירושלים און פון ירדן,
פון ניו־יארק און פון קעסלגארדן;
עס איז אַ לעבעדיקע וועלט,
פון אמעריקע איז דא בריוו מיט געלט.

---

עס פליען, לייפן,
פון די גאסן און הייפן —
פאמעלאך און גאלאָפ
בארג ארויף, בארג אראָפ;
אונזערע משרתי קהילה,
אויסגעשטעלט בויך ומחילה;
ברייטלאך די רבנים,
די שוחטים און חזנים;
די גבאים און דיינים,
די פרושים און קבצנים;
די שמשים און חברה קדישה,
און די וואס טרינקען אַביסל פרישה;
די משוררים און ישיבה בחורים
און אנדערע שיינע סוחרים:
דלפנים, ארימע לייט,
פון נאָנט און פון ווייט;

אַפן גאס, אַפן טראָטואַר —  
פון עזריאל ראַון ביזן קושאַר;  
אינקעדיקע, בלינדע און קאַליקע,  
קרומע, לאָמע, וואס האבן די פאַליקי —  
מיט ביידלאַך און רייטער  
קומען און פאָרן אַלץ ווייטער.  
און פאַרפּוצט דער ערשטער  
לייפט אַ שטריק־מאַכער, אַ בערשטער;  
די שניידער מיט זאַכן  
לייפן און לאַכן;  
די שוסטער מיט שיך  
פליען אַף גיך —  
צוריק מיט מעשלאַך  
און אין די קעשענעס פלעשלאַך.

---

אונזער לערער, פּראָפעסאָרן  
גייען און פאָרן;  
איוואַנאָוו און כלוּבינסקי  
די קושאַרקי און גודינסקי;  
משה יצחק און מלבהוטי  
און שרה די נוטי.  
שמעון און מאיר,  
דער ווישטיניצער און סאַרייער;



איוואַריש, מאַנעס און סעק,  
וואס שטעלט זיין ווייב אין עק;  
לייבל כעגדל בנימינס און שמחה  
יענקל משה און פייוול אין איין שמחה;  
חאבאם רויט און שטאָלץ,  
עזיק מיטן פוס פון האָלץ;  
דער קאַרליקל, דער בראַק,  
דער בהור, דער קאַליאַק;  
מאָטי אבעס זון  
און פאַר אלעמען שיינט די זון.

---

און כלי־זמרים גאַס  
לייפט בענצי מיט דעם באַס,  
הירשי מיט זיין פידל,  
פאַלטיקי ברומענדיג אַ לידל;  
יאָסל מיט דעם פיאָל,  
דער בדהן מיט זיין קול;  
ענאָך, שנעל און בליום,  
איצשיק לייבקי און קינדער ארום.

---

עס לייפן און גייען,  
שרייען און קרייען:

„וואָלקאווישקער ענער"
מיט אלעריליי טענער:
די ביניזקעס און רויזוקעס,
די השבליוקעס און פעלטוקעס;
די טעלצקעריי און טורוקעס,
די יורשים און שלאמוקעס.
און אפרים דער הויכער, גראָבער און קליינער
קלמן דער קורצער, מיטעלער און שיינער;
דער קליינער אברהם־איצל,
ליפי מיט אַ שפיצל;
נפתלי, וואס האט מיר פאר אַ קיצל,
זיין שוואגער הירשי מיט אַ וויצל;
סנדר מיט זיין מיצל
און מיט'ן שטעקן דער געלער איצל;
בני לייב מיט חיוסת,
נחום איצעלעס נאך די ארבע כוסות;
יאָסל נוטי ביילעס מיט'ן שטאָק,
מאיר בער דער אדוואָקאט און זיין ראָק;
מאָטל ביניעס און דוד־זלמן,
יענקל ברוך און אייזיק־קלמן;
פריידי מאָטלס און די בארַאנשע חיה,
אהרן דער גלה און לייזער־שמעיה.
יענקל אָסיפער און חיה־ריווי,
יאָשי שטוניבעס און ביאליגריווי;



ענדל דער פוסטיפעדער און מרדכי שמערל ס.
רייזל זונדעלעס און רחל פערל;
צמח פאלעס און אויקשטיזשורי,
אבי־נעשטי פון פאשורי.
אברהם דריישעס און האטשי נערקעס,
לייזער דער ווילנער וואס מאכט צוקערקעס;
ישעיה ענדשעס און לייבי כהן,
יואל אהרן און דוד דער בר־מינן;
נראמשקי און משה מרדכי דער כעסן,
דיע פערדענדלער פון פרייסן;
פסח קארליק און ליפאָ לאצקי —
אבן באַק מיט די רויטע צאצקי.
ישראל דער קירזשנער און חיים שפיי,
גרשון פיגל די הזנ'טעס און מענדעלס חיה;
יעשי און שרה,
היה רחל און יארי;
פייצשי און חיה ביילע,
הנה און טערקישע פאטשיילע;
יודעס די בעקערקע,
און שפרה די טעפערקע;
שרה צשיזי די שיינע,
און רישעלי די קליינע.
שידיסקידי און מערי קאנצשעס,
מיכלי און די ווייבל מיט אירע וואנצעס;

יענקל בערי יענקל׳ס און קאַצישאַל,
יאָשי טייבי שטעוג׳ס מיט זיין קיל.
זעליק בארטניקער און שוסאטי,
דער ווייסלאָווקער און בראָלוי;
הילל און זלאטע,
אהרן, וואס מאכט וואטע;
ישראל פוסריטשו און זלמן פלאָטי,
מרדכי קנאָבל און דער קצב נאָטי;
רייני פאקראס און פערי רייזע,
אברהם קורצבאנקע און משה רייזע;
אברהם אָקס און משה דראָנג,
בולוועלי און פאלאָגג;
אשר סרסר און הירשי טריצשאסי;
דער טריאכפאליענער מיט זיין לאַפי.
מאיר קאסטיושקע און סערינאָז,
משה דער צופאקטער מן זיין אָבאָז;
זיסל דער קראצער און קופצשוק,
שיינע־רייזל די שלומפער און שמולי סטוק.
מאָטע טוטקע און לייבעלע תזה,
ניסן דער קאריבעלניק מיט זיינע העזיות;
יענקלי בערעס און הירשי אָז,
יחיאל די ציג און משה נאָז.
אשר קאצשור און קארופאטקע,
כלב דריפאן פון יאטקע;



עזרה־זופ און מאיר דער אָן,
הנה׳לע־מאנץ און די וויבל מיט׳ן צאָהן;
די פינגערל און וועלפקע סטרוצשקי,
די הינדעלע און משה קרוצשקי;
הצקל און היה נוטקי,
אשר און ליבוסקי;
לאפידי דער בעזדעטניק,
און יודי דער קארעטניק;
שאלתיאל און אבי תנה,
דוד שמעון און לאה חנה;
יענקלי־בוב דער שמארקער,
און אלי דער מארקער:
שמעון דער העלצער,
וועלוול, וואס מאכט זעלצער;
בערעלע צשאכמאטשאק,
און מענדל דוראק.
דבורה׳לע די קופרולקע,
שמעון לייב מיט זיין ליולקע;
משה בוזדי און דער שוסטער ליפע,
מרדכי פוקס מיט אַ חליפה;
משה פליאגער און נתן פסח ברכות —
וואס זופט אף זיין ווייבס צלחות;
לייבי איצשע דער וועכטער,
יודי פוצשעלעס מיטן געלעכטער;

לייבי דער בלינדער,
רחל די פיסנאָני מיט אירע קינדער;
גדליהו איצל דער לאדער,
הערמאן מיט קאדער.
סטראַוש אפן בריק,
אשר קוגל און הילל פיק;
מאטריאַבעס און שכר
און דער קוויטשדינגער בחור.
די קאקטשי שרה,
גולמי און מאטארי;
רויזע פויק און בלוטע פלאָה,
יעקב אישיעה פון באָר;
דוד לייזער איצלס און לייבקי פליוק,
שטולי קאליאק מיט זיין שוך.
אצשי דער פיאגיצע און שפרינצה,
ישעיה פאַרך מיט זיין בלינצה...
שמעקי־שמאליעס־שטילנקי,
נח סאנס, פישעלי און צשולינקי.

---

און בלאָ, נרין און געל —
לייפן אונזערע פריצים שנעל;
צארטאריא: דער פאָבאָרצי,
לינן זאָל ער ארצה;



וואַטשוק און פרעדעצקי,
ווישיוואטי און בוקאוויעצקי;
לוקאשעוויטש און מאסלאָווסקי,
וואָיטאוויטש און באראנאָווסקי;
סימיאן און רינקעוויץ,
אוטערים און פאטלקעוויץ;
פוצאטי און דער זשאָנצי —
לייפן און דרייען די וואָנצי.
דער סעקרעטעל, דער האבארניק
און לאשטאנאוו דער פאנארניק;
מעזשיליית און פאָגל —
אויסגילייגט ווי פון א אָגל.
דיציכי און פייפער
און יעדער דער שטייפער;
וואַלגער דער טישער
און שפרינגל דער פישער;
דער שטומאק, דער קופרלקי,
צימערמאן מיט זיין ליולקי;
אָנטפרי און קאלוטביצקי
און דער שמעקער נאוועליצקי.
קורשיוועטי און באָרישי,
שוואקסי און פאשי דאָברישי;
צשערנוצקי און בורשטיניק,
מאטיאש קרויצשים און ארמענעק;

בלאשייטים און גארבוקי,
שטיינים און מיכל קרייווירוקי;
אוישי און פראנצשישקי —
מיט אַ פלעשל און דאריקישקי.
באַלטרי, ליזי און קאַזי,
דער קוימענקערער און סאַזי;
פּאָטאמסי, אַדאָם וואָל און סאָדים
און אלע טאַלן פון די פיס.

---

שאַ, מ'פּאָרט שוין פון באַן,
פאראוים פון שווארצע שימלעך אַ נישפאן;
פון שעלמי — די טרייטע — אוהן,
מנחם מיט זיין צשייקי פון איידקון;
אדעליזשאנס און אַ בויה,
פון בא.למונטאנען איז פון בויה,
זלמן ארי בעקעס און אברעק, פון וויט
יצש און קאַלני מיט אַ ליולקע און [illegible]איים.
[illegible] מיט משה קע קאַצאַפּ —
דערלאנגען זאך אַ קלאַפּ;
און נאך פאבאזשירן —
נים פון די גבירים;
און משה קיקל דראפּס וועגל,
[illegible] פסח אין דער יעגל.



דער גלאָזער מיטן צינגענעם בעדל,
מרדכי ביטערער מיטן דאַרן פערדל;
פון אומעטום קומען און גייען
היינט צום שיינעם פעסט;
פון נאָנט און פון ווייט,
מיטן באַן און פון אַ זייט:
פון לייפציג און פון דווינסק,
פון גראָדנע און פון מינסק;
פון לאָדז און פון קאָוונע,
פון ווארשע און פון לידוו־נאוויע;
פון סימנע און לאַזדיי,
פון ווישטינעץ און סאַריי;
פון ווילנע און טראָק,
פון גרישקיבוד און איישישאָק,
פון קאַלאַוואַרודי און פּילווישאק,
פון ווירסלאווקי און קיסינישאק;
פון פּוסטיפּעד און פאטינקישאק,
מישלעפּט קערבלאך און פעקלאך,
שירים און שטעקלאך;
היט און קאפּאַליושן,
מ'כאפּט זיך שטאָקטשען, קישן:
מיידלאך, בחורים,
קאמיסיאָנערן, סוחרים;
ספּורטסמען, גימנאזיסטן,

קאמערסאנטן, רעאליסטן;
ישובניקעס, אריסטאָקראטן,
אינטעליגענטן, דעמאָקראטן;
מיט וואָנצעס און מיט בערד,
געגאָלט ווי פערד;
מיט פענסנע און ברילן,
און אַרום שפּרינגען הינט און בילן.

---

פון רוישן ווי אַ מיל
ווערט רוהיג שטיל;
עס צופּאָרן אלע אוועק —
יעדערער אין אַנ'אַנדערער עק;
גויים מיט פארמאכטע אויגן
ליגן אין די פורן אויסגעצויגן,
מ'זעהט ארויס נאָר פלייצעס
און די גויי'ס האלטן די לייצעס;
עס שטאַרטשען ארויס פיס מיט הענט,
די פערד פליען אין פענסטער און אף ווענט;
אלע קראָמען ווערן פארמאכט,
עס ווערט שטיל ווי ביי נאכט;
און ווי פארסמט,
געצוואָגן און פאַרקאַמט;
לייפט מען פון באָד נאָס —
איינגעטוליעט דורכן גאָס.

---



שאַ, עס איז פסח אומעטום,
מ'הערט קיין איבריגן שום
אלע טישן זיינען געגרייט.
מיט ווייסע טישטאכען באשפּרייט;
עס ליגן גאָפּל מעסער,
קליין, גרויס און גרעסער;
אליהו הנביאס כוס איבערן מיטן טיש —
ארום מצה, פלייש און פיש;
אפיקומן, זאלצוואסער און חרוסת,
לייכטער ליכט, הגדות און כוסות;
בראנפן, מעד און ווין,
אוגערקעס און חריין;
אלץ בליצט און עס שיינט,
ווייל פסח איז היינט.

---

און דאָרט אין בית המדרש, קלויז און שול
איז ווידער פון צוואָפּענע וואלקאווישקער פול,
עס ברענען אלע לאָמפּן און ליכט,
עס שיינט פון שמחה יעדעס געזיכט,
אלע שטייען צופרידן און לאַכן —
פארפּוצט אין נייע זייד און זאַכן;
די ווייבער קוקן ארויף און אראָפּ
און שאָקלען פון פענסטערל אלץ מיטן קאָפּ;

[illegible]

[illegible]

[illegible] 1920

[illegible] B. Itzkowski, [illegible]